YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv04i46

# GERECHTIGKEIT (YIDDISH JUSTICE)

Volume 4 Issue 46
November 1922

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

## Gerechtigkeit (Vol. 4, Iss. 46)


### Keywords

International Ladies' Garment Workers' Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish


### Comments

*Justice* was the official publication of the International Ladies' Garment Workers' Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/264

# א פאר פראגען צו „חבר" ווישניאק

(שלוס פון זייט 6)

דאס די רעכטע זאגען, אז ביז אן ארבייטסלאזער פאנד וועט קענען איינגעפיהרט ווערען אין לעבען, דארפען די ארבייטסלאזע ניט שטארבען פון הונגער. און אלע לאקאלס פון דער דזשוינט באארד האבען טאקע געשטיצט זייערע מעמבערס מיט באדייטענדע סומען געלט און ווען דאס איז ווייניג, האבען זיי זיך געווענדעט צו די, וואס ארבייטען, אז זיי זאלען העלפען מיט 3 פראצענט פון זייערע ווייד־דזשעס. און איהר, „חבר" ווישניאק, מיט אייער צייטונג טוט דאס בעסט, אז די קלאוקמאכער זאלען ניט ווילען געבען די 3 פראצענט. איהר ווילט ניט וויסען, אז די הונגעריגע קלאוקמאכער קענען ניט ווארטען ביז מען וועט זיי געבען א פאר דאלאר אויף א וויסענשאפטליכען אופן. זיי ווילען עסען היינט, זיי ווילען א פאר דאלאר יעצט, ניט ווען עס וועט געשאפען ווערען אן ארבייטסלאזער פאנד.

איהר ווילט אויך, אז די באסע זאלען וויסען, דאס אזוי ווי זיי צאהלען רענט א גאנץ יאהר, דארפען זיי אויך וויסען, אז די ארבייטער דארפען מאכען א לעבען א גאנץ יאהר, און זיי, די באסעס, דארפען זיין פאראנטווארטליך פאר דעם. דאס איז זעהר גוט. פרעג איך אייך, צי דענקט איהר, אז די לאגע אין קלאוק טרייד איז אזוי ראדיקאל געענדערט געווארען פין דער צייט, וואס איהר זייט געווארען אויס מעמבער פון דער קלאוקמאכער־יוניאן, אז מען זאל דאס זאגאר אין דער נאהענטער צוקונפט קענען דורכפיהרען? ווי לאנג איז דאס, ווען איהר, אלס דזשענעראל מענעדזשער, זייט ארויסגעקומען צו זינגער בראס. אין שאפ און געצוואונגען די אפערייטארס ארונטערצוגעבען 15 סענט פון א גארמענט, ווייל איהר האט גערעכנט, אז א גארמענט מיט א שאל דארף מען מאכען ביליגער. און עס האבען ניט געהאלפען די טענות פון די ארבייטער, אז זיי האבען שוין פילע מאל געקראגען באצאהלט די 15 סענט, וואס איהר ארדערט זיי ארונטערצוגעבען און יעצט מאכט איהר אזא רעוואלוציאנערען שרים. איז דאס ניט געשאטען זאמר אין די אויגען?

איהר זאגט ווייטער, אז די ארבייטער האסען די באאמטע און די באאמטע האסען די ארבייטער. דאס איז דאך פשוט ניט אמת. די איינציגע ארבייטער, וואס האסען די באאמטע, זיינען די, וועמען די ביזנעס־אידזשענטס כאפען זיי ארבייטענדיג שבת נאך דינער און מען רופט זיי צו דער גריוועגס קאמיטע און זיי ווערען באשטראפט. אט די האסען דאס די באאמטע און די באאמטע האסען זיי. און עס טאר ניט פארגעסען ווערען, אז יעצט ווילט איהר מיט אמאל מאכען אזא אט־די חברה קומען צו די מיטינגען און שפילען נאך א ראליע אלס גוואלדיגע „רעוואלוציאנערען" און לאזען אמאל ניט דורכפיהרען א מיטינג ווי עס דארף זיין. אט די מענשען האסען די באאמטע.

היינט נאך עפעס: ווי קימט דאס, „חבר" ווישניאק, איהר זייט דאך שוין אזא גרויסער „רעוואלוציאנער", טו פאר־וואס האבען אייך נאך ביז היינטיגען טאג די קלאוקמאכער פיינט? פארוואס האסען זיי אייך נאך איצטער אויך?...

ל. באלטער.


א. ראפאלאווסקי
איינבינדער.
136 Henry St., New York, N. Y.
שבת געשלאסען.



# סקוירט און דרעסמאכער

לאקאל 23, אויפמערקזאם!

## צוזייטע און לעצטע נאמינייזשאן

פאר לאקאלע אפיסערס

וועלען אפגעהאלטען ווערען

## דאנערשטאג, דעם 23טען נאוועמבער

ביי אונזערע סעקשאן־מיטינגען:

דאון־טאון — „פארווערטס" האל.
בראנקס — לאנדאן קאסינא.

שוועסטער און ברידער! דאס איז דער לעצטער מיטינג, ביי וועלכען מעמבערס קאנען נאמינירט ווערען פאר עמטער. קומט און נאמינירט די בעסטע מענשען פאר'ן נעקסטען יאהר.

עקזעקוטיוו באארד לאקאל 23.



צו אלע

# דרעסמאכער

מעמבערס לאקאל 23.

## א דזשענעראל מעמבער מיטינג

וועט אפגעהאלטען ווערען

## דינסטאג אבענד, נאוועמבער דעם 28טען

8 אוהר אבענד

## אין לייבאר טעמפעל

14טע סטריט און 2טע עוועניו.

וואו א רעפארט פון די ביז יעצטיגע קאנפערענצען מיט לאקאל 22 וועט אפגעגעבען ווערען, ווי אויך די אויסזיכטען פון דער צוקונפט וועלען דיסקוטירט ווערען. — זאל קיין דרעסמאכער וואס איז א מעמבער אין לאקאל 23 נישט פעהלען בייצוואוינען דעם העכסט וויכטיגען מיטינג.

עקזעקוטיוו באארד לאקאל 23

נ. ב. — איהר זייט געבעטען צו קומען אין צייט, ווייל די האל איז בלויז אפען ביז 11 אוהר.



# איסט ריווער נעשאנאל באנק

680 בראדוויי, ניו יארק סיטי.

אינטערעסט ווערט געצאהלט יעדען מאנאט אויף ספעשעל אינטערעסט און סייווינג אקאונטס.

קליינע דעפאזיטס ווערען מיט פארגעניגען אנגענומען.

## עפענט אייער אקאונט איצט

סייף דעפאזיט באקסס $5.00 און העכער.

געלט ווערט געשיקט אין אלע טיילען פון דער וועלט.

די באהאנדלונג וואס מיר גיבען אונזערע „אלטע ביזנעס" איז דער ארגומענט פאר'ן שטענדיגען וואקסען פון אונזער „נייע ביזנעס."



# מ. הייקלינ'ס

# דענסינג סקול

## קלינטאן האלל — 151 קלינטאן סטריט, נ. י.



דער וועלכער טאנצט ניט איז א פערלארענער מענש. ווארום זאלט איהר זיצען אין א זייט ווען אלע אנדערע פריינדע אייערע טאנצען?

הייקלינ'ס דענסינג סקול איז עלעגאנט, רוהיג, א באהאבענדיג פלאץ. די אנשטענדיגסטע יונגע לייט — באיעס און מיידלעך, באזוכען דיזע סקול. אויב איהר קענט ניט טאנצען זאלט איהר זיך איינשרייבען אזוי שנעל ווי מעגליך. איהר קענט זיך זעהן מיט הערר הייקלינ'ען זעלבסט יעדען מאנטאג, מיטוואך און פרייטאג אבענדס, פון 8 ביז 10.30.

קומט פיר אינפארמאציאן.

## M. Heicklin's School of Dancing

CLINTON HALL, 151 Clinton Street, New York, N. Y.



דעזיינערס פון

# פרויען קליידער ווערען א סך פארלאנגט

א גוטע פראפעסיע פאר מענער און פרויען!



אין דעזיינינג פאר פרויען, מיסעס און קינדערשע קליידער א קורס אין מיטשעל סקול מיינט א באלדיגע פאזישאן און א גרויסע געהאלט.

די מיטשעל סקוהל אוו גארמענט דעזיינינג, פעטערן מייקינג, גריידינג און פיטינג פאר פרויען קליידער. עטאבלירט איבער 50 יאהר מיט דעם גרעסטען ערפאלג.

נייע אידעען
נייע סיסטעמען
בעסטע מאטארען
בעסטע רעזולטאטען

פריוואט אונטערריכט. טאג און אווענט קלאסען. גוטע באדינגונגען. שרייבט, טעלעפאנירט אדער קומט פאר א פרייען בוקלעט מיט פולער אינפארמאציע.

פרייע דעמאנסטריישאן אין אונזער סקול.

אווענט קלאסען: מאנטאג, מיטוואך און פרייטאג

דעמאנסטריישאן פריי אין דער סקול.

## MITCHELL DESIGNING SCHOOL

15 WEST 37th STREET, NEW YORK

Phone: Fitz Roy 1674

*Boston Branch:* 10 Hayward Place

